# סצענע 1 א'
# Escena 1 A

## אין רייזלס צימער
## En el cuarto de Reizl

גאָלדע - טאָכטער, טאָכטער, וואָס איז ?
רייזל - אוי מאַמע, מאַמע.
גאָלדע - וואָס איז טאָכטער, פֿאַרוואָס וויינסטו ?
רייזל - אוי מאַמע, מאַמע.
גאָלדע - וואָס איז, רייזעלע ?
רייזל - איך בין אומעטיק.
גאָלדע - און פֿאַר וואָס, מײַן טאָכטער, פֿאַרוואָס ביסטו אומעטיק ?
רייזל - קוק מאַמע. קוק אויף מײַן האַנט !
גאָלדע - דײַן האַנט איז פֿײַן. דו האָסט פֿינף שיינע פֿינגער.
רייזל - ניין, ניין, קוק מאַמע. קוק אויף מײַן האַנט. וואָס פֿעלט ?
גאָלדע - וואָס פֿעלט ? וואָס פֿעלט ?... איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר, פֿינף... פֿינף פֿינגערלעך.
רייזל - ניין מאַמע. קוק... קוק... מאַמע. עס פֿעלט אַ רינגל... איך וויל אַ חתן !!!